# קריפּטישע רעטענישן

מיט חזקי פֿישער

דאָס איז אויך אויפֿן וועב ☜

לאָמיר אָנהייבן מיט אַ בײַשפּיל:

> אַ נגיד האָט זיך צעמישט און ער האָט געזאָגט צאָתכם
> לֻשָלוֹם אויף ענגליש (5) 🔑 1

דער **פּשוט פּשט** איז ווי אַזוי עס לייענט זיך אויפֿן ערשטן בליק.

> 💬 אַ גוטער פּשוטער פּשט זאָל זײַן אַ פֿאַרשטענדלעכע פֿראַזע וואָס מען קען געפֿינען אין אַ שמועס אָדער בוך, וואָס איז אינטערעסאַנט אָדער וויציק, און פֿאַרפֿירט דעם לייזער פֿון דער קריפּטישער באַדײַטונג.

געלייענט **קריפּטיש**, האָט עס געוויינטלעך צוויי טיילן:

- **דעפֿיניציע**: אַ רמז צום ענטפֿער.
- **ווערטערשפּיל**: אַ וועג צו בויען דעם ענטפֿער.

> 💬 די דעפֿיניציע איז כמעט אייביק בײַם אָנהייב אָדער סוף
> אַז מען זאָל עס קענען לייענען אַזוי:
> - **אָנהייב**: ”כּדי צו [דעפֿיניציע], טו [ווערטערשפּיל]“
> - **סוף**: ”טו [ווערטערשפּיל] צו באַקומען [דעפֿיניציע]“

די ווערטערשפּיל קען אַנטהאַלטן:

- **שטאָף**: אותיות און ווערטער מיט וואָס צו שפּילן.
- **וועגווײַזערס**: ווערטער וואָס הייסן וואָס צו טאָן מיטן שטאָף.

> ⚠ אין אַ קעסטל רעטעניש נוצט מען נישט נקודות, סוף־אותיות, אָדער צונויפֿגעשטעלטע אותיות. אַלזאָ: אָ = אַ = א, ב = בּ = בֿ, וּ = ו, ײ = ײַ = יי, כ = כּ = ך, מ = ם, נ = ן, פּ = פ = פֿ = ף, צ = ץ, ש = שׂ = שׂ, ת = תּ. יי, וו, וי, זענען צוויי אותיות.

יעצט וועלן מיר רעדן וועגן פֿאַרשידענע געדאַנקען וואָס ווערן גענוצט אין קריפּטישע רעטענישן.

## אַנאַגראַמען

נעמט טעלעכע אותיות און מישט זיי אויס.

**וועגווײַזערס**: ווערטער וואָס מיינען רירן, באַוועגונג, ענדערונג אָדער אומאָרדענונג: מישן | וואַרפֿן | צעשטערן | מאָדנע | טאַנצן | בערך | מאַניפּולירן | אאַ״וו

> ⚠ דער וועגווײַזער מוז זײַן גלײַך נעבן דעם שטאָף.

> עס גיבט כּוח אַוועקצולויפֿן (5) 🔑 2

## באַהאַלטענע

אַ **באַהאַלטענער** רמז האָט יעדן נויטיקן אות אינעם ריכטיקן סדר, אָבער מען מוז זיי טרעפֿן.

**וועגווײַזערס**: באַהאַלטן | אַנטדעקן | אינהאַלט | אין | (גע)האַלטן | כאַפּ | אַ טייל | אאַ״וו

> אַ ביסל געל... טונקל־גרין... (4) 🔑 3

> 💬 פֿינטעלעך קענען זײַן זייער וויכטיק אָדער גאָרנישט מיינען.

## אויסקלײַבערס

נעמט ספּעציפֿישע אותיות פֿון ווערטער.

**וועגווײַזערס**: זאָגן וועלכע אותיות צו נעמען: קאָפּ | עק | האַרץ | אינהאַלט | געדערעם | גרענעצן | מאַנטל | אאַ״וו

> ⚠ אויב מען דאַרף נעמען פֿון עטלעכע ווערטער וועט דער וועגווײַזער זײַן בלשון־רבים: קעפּ | עקן | אאַ״וו

> טשערעפּאַכעס אין דער אָזערע שטעקן אַרויס זייערע קעפּ צו זאָגן גיב אַ קוק! (4) 🔑 4

> 💬 ווערטער וואָס **פֿאַרבינדן** די דעפֿיניציע מיט די ווערטערשפּיל זענען נאָר דאָ צו העלפֿן דעם פּשוטן פּשט: צו | פֿון | דאַן | און | אאַ״וו

## אויסמעקן

וואַרף אַוועק ספּעציפֿישע אותיות פֿון ווערטער. ענלעך צו אויסקלײַבערס נאָר מען וואַרפֿט אַוועק די אותיות.

**וועגווײַזערס**: (פֿאַר)קירצן | פֿאַרקלענערן | אויסגערייניקט | אָן | אאַ״וו

> 💬 אויסמעקן אַרבעט נאָך בעסער ווען מען נוצט עס צוזאַמען מיט אַנדערע אופֿנים.

> ביליאָנער קען זיך נישט אײַנהאַלטן און ווערט פּרעמיער מיניסטער פֿון ענגלאַנד (4) 🔑 5

## איבערדרייען

נעמט עטלעכע אותיות און לייענט זיי פֿאַרקערט.

> איבערדרייען אַרבעט נאָך בעסער צוזאַמען מיט אויסקלייַבערס אָדער באַהאַלטענע רמזים.

**ווענגווייַזערס:** צוריק, צוריקגעקערט, אַרום, אויסגעדרייט, אין שפּיגל, דרייען, אא"וו

כאַטש צוריק־נייַען אַביסל (4) 🔑 6

## קאַסטנס

לייגט עפּעס אַרייַן אין עפּעס אַנדערש.

**ווענגווייַזערס:** אינעווייניק, אין, אַרייַנלייגן, אַרום, אינדרויסן פֿון, כאַפּן, אַרומנעמען, טראָגן, שפּרינגט אַרייַן, אא"וו

ער פֿאַלט אַרייַן אין ליידיגקייט און רייניקט (4) 🔑 7

## פֿאַרבייַטן

פֿאַרבייַט איין וואָרט אָדער פֿראַזע פֿאַר עפּעס אַנדערש.

> ⚠ נישטאָ דאָ קיין ווענגווייַזערס! יעדעס וואָרט קען פֿאַרביטן ווערן.

- **סינאָנימען:** פֿאַרבייַטן מיט עפּעס וואָס האָט אַן ענלעכן באַדייַט.
- **פֿאַרקירצונג:** נאָר אַ קירצערער סינאָנים: צ"ב, ב"ה, אא"וו

בייַס אַרייַן אין מאָגערע, מאָגערע נאַרישקייטן (5 ,4) 🔑 8

## האָמאָפֿאָנען

פֿאַרבייַט עפּעס מיט עפּעס אַנדערש וואָס האָט דעם זעלבן קלאַנג.

> עס זענען דאָ אַ סך דיאַלעקטן אין דער וועלט.

**ווענגווייַזערס:** געהערט, גערעדט, אויפֿן ראַדיאָ, אויפֿן טעלעפֿאָן, אא"וו

> ⚠ דער האָמאָפֿאָן קען זייַן פֿון אַ פֿאַרבייַטונג.

אַדרבא, אַ מאָל דאַרף אַ רבֿ האָר (4) 🔑 9

## שפּילן אין שאַראַדן

שטעל צוזאַמען אַן ענטפֿער פֿון פֿאַרשידענע טיילן.

לויף אינדרויסן! אַ ייִד דרשנט נאָך אין לשון קודש אינעווייניק, פֿון אָנהייב ביזן סוף וואָס איז געשריבן אין די ספֿר תּורה (3־3) 🔑 10

## פּונקט אַזוי

דער גאַנצער רמז איז סייַ די דעפֿיניציע און סייַ די ווערטערשפּיל.

**ווענגווייַזערס:** אָפֿט נוצט מען אַ ! צו ווייַזן אַז עס איז אַזאַ מין רמז, אָבער נישט יעדע ! מוז דאָס מיינען.

> עס קען אויך זייַן אַז דער גאַנצער רמז איז ווערטערשפּיל אָבער נאָר אַ חלק איז די דעפֿיניציע, אָדער פֿאַרקערט.

מאַמע־לשון שלאָפֿט נישט יעצט! (4־5) 🔑 11

## טאָפּלטע דעפֿיניציע

דער רמז באַשטייט אין גאַנצן פֿון צוויי דעפֿיניציעס.

> געוויינטלעך, האָמאָגראַפֿן: ווערטער וואָס האָבן די זעלבע אותיות אָבער אַנדערע באַדייַטונגען.

אויפֿרייַסן אַן אָרט (4) 🔑 12

## געמישטע בייַשפּילן

בראשית: יעדן הייליקן ייִדס אויער הערט גאָטס באַפֿעל (3 ,3) 🔑 13

דרייַ זיך אַרום ייִדעלע 1־2־3, און העלפֿט אַרויס אין שול! (4) 🔑 14

נעמט צוריק דעם האָניק אַז דו ווילסט ער זאָל נישט האָבן (5) 🔑 15

די ערשטע שבתים וועט רחל העלפֿן ברענגען רינדפֿלייש וואָס מיר וועלן עסן (3 ,3) 🔑 16

ווי בר כּוכבֿא פֿון דרום קומט צוריק (4) 🔑 17

אויף אַ שטיק צייַט (4) 🔑 18

100% וועט ער זיך לערנען טאַנצן (5) 🔑 19

עסן x 8 + 1 - 9 (7) 🔑 20

# ענטפֿער-בלעטל

## רמז 1

אַ נגיד האָט זיך צעמישט און ער האָט געזאָגט צֵאתְכֶם לְשָׁלוֹם אויף ענגליש (5)

מיש אויס ”אַ נגיד“ צו מאַכן ”גאַנדיי“ וואָס האָט געזאָגט צֵאתְכֶם לְשָׁלוֹם אויף ענגליש. ← **גאַנדי**

## רמז 2

עס גיבט כּוח אַוועקצולויפֿן (5)

”אַוועק“ דאַרף לויפֿן צו ווערן ”קאַווע“ וואָס גיבט כּוח. ← **קאַווע**

## רמז 3

אַ ביסל געל... טונקל־גרין... (4)

אַ ביסל פֿון ”געל טונקל“ איז געלט וואָס איז גרין. ← **געלט**

## רמז 4

טשערעפּאַכעס אין דער אָזערע שטעקן אַרויס זייערע קעפּ צו זאָגן גיב אַ קוק! (4)

”טשערעפּאַכעס אין דער אָזערע“ שטעקן אַרויס זייערע קעפּ, דאָס הייסט, געבן זייערע ערשטע אותיות צו ”זאָגן גיב אַ קוק“: טאַדאַ! ← **טאַדאַ**

## רמז 5

ביליאָנער קען זיך נישט איינהאַלטן און ווערט פּרעמיער מיניסטער פֿון ענגלאַנד (4)

”ביליאָנער“ קען זיך נישט איינהאַלטן, דאָס הייסט ער קען נישט האַלטן די אותיות ”איינ“ אין זיך, און פֿאַרלירט זיי, און וואָס בלייבט איבער ווערט ”בלער“, און טאָני בלער איז אַ געוועזענער פּרעמיער מיניסטער פֿון ענגלאַנד. ← **בלער**

## רמז 6

כאַטש צוריק־נייען אַביסל (4)

”כאַטש“ צוריק, דאָס הייסט ווען מען לייענט ”כאַטש“ פֿון לינקס אויף רעכטס ווערט עס ”שטאַך“ וואָס איז אַביסל נייען. ← **שטאַך**

## רמז 7

ער פֿאַלט אַרייַן איןליידיקייט און רייניקט (4)

ליידיקייט, דאָס הייסט מען ליידיקט אויס ”קייט“ ווערט ”קט“. אַז מען לייגט ”ער“ אין ”קט“ קריגט מען ”קערט“ וואָס מיינט ”רייניקט“. ← **קערט**

## רמז 8

בייס אַרייַן אין מאָגערע, מאָגערע נאַרישקייטן (4, 5)

אַן אַנדערע וואָרט פֿאַר ”מאָגערע“ איז ”ענגע“, ווערט ”מאָגערע מאָגערע“ ”ענגע ענגע“. בייס ווערט די אות ב. אַז מען לייגט ”ב“ אַרייַן אין ”ענגע ענגע“ באַקומט מען ”ענגע בענגע“ וואָס איז נאַרישקייטן. ← **ענגע בענגע**

## רמז 9

אַדרבא, אַ מאָל דאַרף אַ רבֿ האָר (4)

”אַ מאָל“ הייסט נישט יעדע אות. אפֿשר יעדע אַנדערע אות? יעדע אַנדערע אות פֿון ”דאַרף אַ רבֿ“ איז ”דראבר“. ”אַדרבא“ מיינט פֿאַרקערט. אויב מען לייענט ”דראבר“ פֿאַרקערט האָט מען ”באָרד“ וואָס איז האָר. ← **באָרד**

## רמז 10

לויף אינדרויסן! אַ ייִד דרשנט נאָך אין לשון קודש אינעווייניק, פֿון אָנהייב ביזן סוף וואָס איז געשריבן אין די ספֿר תּורה (3־3)

”לויף“ אינדרויסן מאַכט ”לפֿ“. ”אַ ייִד דרשנט“ הייסט עפּעס וואָס קלינגט ווי ”ייִדר“ וואָס קען זיין די אות י. אָבער דעם י לייגט מען נאָך ”אין לשון קודש“. ”אין“ אויף לשון קודש איז די אות ב. לייגט מען י נאָך ב. ביז יעצט האָט מען ”לפֿבי“. מען לייגט דאָס אינעווייניק ”פֿון אָנהייב ביזן סוף“, דאָס הייסט ”את“, די ערשטע אויס צום לעצטן. און אַז מען לייגט ”לפֿבי“ אין ”את“ באַקומט מען ”אלף־בית“ וואָס איז געשריבן אין די ספֿר תּורה. ← **אלף־בית**

## רמז 11

מאַמע־לשון שלאָפֿט נישט יעצט! (4־5)

די ”מאַמע־לשון“ איז ”ייִדיש“, אַוואַדע. אויב מען שלאָפֿט נישט יעצט איז מען וואַך. צוזאַמען מאַכט דאָס ”ייִדיש־וואָך“ און יעצט בעשאַס ייִדיש וואָך שלאָפֿט נישט די מאַמע־לשון! ← **ייִדיש־וואָך**

## רמז 12

אויפֿרײַסן אַן אָרט (4)

אויפֿרײַסן, עקספּלאָדירן: פּלאַץ. און אַן אָרט איז אויך אַ פּלאַץ ← **פּלאַץ**

## רמז 13

בראשית: יעדן הײליקן ייִדס אויער הערט גאָטס באַפֿעל (3, 3)

"בראשית", פֿון אָנהייב פֿון "יעדן הײליקן ייִדס" איז "יהי". "אויער" הערט מיינט מען זוכט אַ וואָרט וואָס קלינגט ווי "אויער" אַזוי ווי "אור". "יהי אור" איז גאָט'ס באַפֿעל. ← **יהי אור**

## רמז 14

דריי זיך אַרום ייִדעלע 1־2־3, און העלפֿט אַרויס אין שול! (4)

ייִדעלע איז "יי". 1־2־3 איז "א־ב־ג". צוזאַמען מאַכט עס "יאבג". דריי זיך אַרום "יאבג" צו ווערן "גבאי" וואָס העלפֿט אַרויס אין שול. ← **גבאי**

## רמז 15

נעמט צוריק דעם האָניק אַז דו ווילסט ער זאָל נישט האָבן (5)

אויב מען נעמט "האָניק" צוריק ווערט עס "קינאה" וואָס מיינט אַז דו ווילסט ער זאָל נישט האָבן. ← **קינאה**

## רמז 16

די ערשטע שבתים וועט רחל העלפֿן ברענגען רינדפֿלייש וואָס מיר וועלן עסן (3, 3)

די ערשטע אותיות פֿון "שבתים וועט רחל העלפֿן ברענגען רינדפֿלייש" זענען "שור הבר" וואָס מיר וועלן עסן ווען משיח וועט קומען. ← **שור הבר**

## רמז 17

ווי בַר כּוֹכְבָא פֿון דרום קומט צוריק (4)

"דרום" "קומט צוריק" צו מאַכן "מורד", אַזאַ מין מענטש "ווי ווי בַר כּוֹכְבָא". ← **מורד**

## רמז 18

אויף אַ שטיק צײַט (4)

דאָס איז אַ טאָפּלטע דעפֿיניציע: ווען מען איז "אויף" איז מען "וואַך". אַ "וואָך" איז אַ שטיק צײַט. ← **וואך**

## רמז 19

100% וועט ער זיך לערנען טאַנצן (5)

"ער זיך" וועט לערנען טאַנצן, דאָס הייסט, די אותיות "ער זיך" טאַנצן אַרום צו מאַכן "זיכער" און ווען עפּעס איז 100% איז עס זיכער. ← **זיכער**

## רמז 20

עסן 9 - 1 + 8 x (7)

נעמט אוועק דעם קלאַנג פֿון "איין" פֿון "ניין", לאָזט נאָר איבער "נ". "8" ווערט "אַכט" און "x" ווערט "מאָל". "+" מיינט צוזאַמען לייגען און צוזאַמען מאַכט עס "נאַכטמאָל" וואָס איז עסן. ← **נאכטמאל**